STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08643

LIDER UN ERTSEHLUNGEN

S. Malamud

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



ש. מאַלאַמאָד

לידער און ערצעהלונגען

פון ש. מלמד (מאַלאַמאַד).

אַרויסגעגעבען פון אַ גרופּע פריינד
פון דער פּאָריערס יוניאָן און
פון ברענטש 271 אַרבייטער רינג.

אינהאַלט

לידער

זכרונות — 12
צו א קינד, מלחמה ליד (משה'לן געווידמעט) — 16
דער זינדער — 19
פון דעם טאַנץ — 22
פאָהר געזונד (מיין חבר מ. גאמבורג) — 23
אין סטרייק (פאָריער'ס סטרייק 1920) — 25
פריהלינג — 27
זאָלסט ניט קיקען. — 29
ליעבע (מיין פאָלין א מתנה). — 30
אונדאנקבארע. — 32
איבערגאנגס שטימונגען. — 34
שבעה. — 37

ערצעהלונגען

קדיש. — 41
אין א גרויסען שאפ. — 44
זיין חתונה. — 51
בילדער אין פריזיוו צייט (מיין יוגענט פריינד בנימין). — 55
מיין ערשטער סטרייק (צו מיינע פאָריערס). — 62
מיך אויך? (מיינע פאָריערס א מתנה). — 66
פאַסירונגען און איבערלעבונגען דערצעהלט פון איינעם — 68
חזקיל (א טיפ) — 74

פאָרוואָרט צו די ארויסגעגעבענע שריפטען פון ברודער ש. מלמד

ברודער ש. מלמד האָט דורך דער צייט וואָס איך געדענק אָנגעשריבען פילע אינטערעסאנטע לידער און ערצעהלונגען, וואָס זיינען ווערט געלעזען צו ווערען פון די פאָריער ארבייטער.

אלס איינער פון דער מאסע האָט ער געפיהלט „וואו דער שוך קוועטשט" און האָט אויסגעדריקט זיינע געפיהלען און שטי־מונגען אין א רייהע אזעלכע ערצעהלונגען און לידער וואָס שפיגלען אָפּ מיט זיך געוויסע בילדער פון דעם פאָריער ארבייטער לעבען.

פילע פון זיינע שריפטען וואָס זיינען געדרוקט געווארען אין אונזער „פאָריער ארבייטער" אונטער פארשיידענע צייטען, בין איך זיכער, זיינען געלעזען געווארען מיט אינטערעס פון א סך פון אונז און עס איז געווען זעהר א גוטער געדאנק צוזאַמענצונעהמען אלעס וואס ברודער ש. מלמד האָט אָנגעשריבען זייט ער האָט גענומען די פען אין האנט, און זיי אפדרוקען אין איין בוך, אזוי אז די טויזענטער פון אונזערע מיטגלידער, פון די נייע רעקרוטען איבערהויפּט, זאָלען האָבען די געלעגענהייט צו לעזען און אָפּשאַצען די ווערט פון איינעם וואָס האָט געלייסטעט א גרויסען טייל פון זיין לעבען פאר די בעסטע אינטערעסען פון דער פאָריער מאסע.

צו דער געלעגענהייט פון דעם ארויסגעבען אין איין בוך די אלע שריפטען, ווילט זיך ווינשען ברודער מלמד'ן, אז ער זאָל נאָך זיין אימשטאנד צו שרייבען נאָך און נאָך פאר דעם וואהלזיין פון די פאָריער ארבייטער און זייער אָרגאניזאציאָן, און אז אונזער עולם איבערהויפט זאָל ווי געהעריג אָפּשאצען די לייסטונגען פון איינעם וואס לעבט מיט אונז און פיהלט מיט אונז.

מיין הערצליכען ישר כח צו ברודער מלמד'ן פאר זיין גוטען אויפטו, און פון טיפען הארצען ווינש איך איהם ערפאָלג אין דיזער און אין וויטערדיגע אונטערנעהמונגען. פריהער פון אלץ ווינש איך איהם, ער זאָל קאָנען געבען אונז זיינע לייסטונגען.

ערגעבענסט,

מאָרים קויפמאַן

פרעזידענט אינטערנעשאָנאל פאָריערס יוניאָן.

ניו יאָרק, יאַנואר 2טען, 1923.

פאָררעדע

„אייניגע געפיהלען און געדאנקען פון אן ארבייטער" וואָלט איך דאָס בוך גערופען. ניט קיין גרויסע פרעטענזיעס אלס פראָ־פעסיאָנעלער שרייבער, ניט קיין פרעטענזיע אויף ליטעראַטור.

האָט מיטגעארבייט אין „פאָר ארבייטער" פון זיין ערשיינונג מיט לידער און ערצעהלונגען; געשריבען פון צייט צו צייט, ווייל ער האָט געפיהלט עפּעס צו זאָגען, עפּעס צו שרייבען, אָדער אויף צו פּראָטעסטירען.

אין זיין ערצעהלונג „אין א גרויסען שאָפּ" באַשרייבט ער מיט וועהטאָג און פּראָטעסטירט געגען די נידעריגע באהאנדלונג פון די ארבייטער געגען א גרינעם, געגען די שפּיצלעך און מיאוסע טריקס וואס מען באַגעהט געגען א ניי ארויפגעקומענעם ארבייטער אין שאָפּ.

אין זיין ערצעהלונג „מיין ערשטער סטרייק", וואו ער קריטי־קירט מיט וועהטאָג דעם זאָגענאַנטען מארק — דעם „יאריד", וואו די ארבייטער שטעהען ווי די אָקסען און ווארטען אויף א קונה.

אין זיין ערצעהלונג „קדיש", וואו ער שילדערט ווי דאָס הארץ טוט וועה, דער מח ברענט אויף זיין געשטאָרבענער מוטער וואָס ער האָט שוין יאָהרען ניט געזעהן און וועט זי שוין קיינמאָל ניט זעהן; און ווי ער וויל איהר באַצאָהלען איהר לעצטען חוב, רייסט

זיך אין שול צו זאָגען קדיש, און זיינע פּרינציפּען, זיינע איבער־צייגונגען רייסען איהם צוריק — און עס נעהט אַן אַ קאַמף אין זיין נשמה.

אָדער נעמט זיין ליד „זכרונות", וואו ער באשרייבט ווי ער פאַרלאָזט זיין היים יונג און געזונד, קרעפטיג, פול מיט לעבען, פול מיט האפענונג, און ער פרעגט זיך: „צי וועל איך דאָרט צו עפּעס טויגען?". און אַפּזייענדיג יאָהרען לאנג ווערט ער גע־בראָכען אין גייסט און קערפּער.

זיין מלחמה־ליד „צו א קינד" ווען זיינע נאָהענטע פריינד, חברים, געהען אוועק אין מלחמה און ער געזעגענט זיך מיט זיי מיט לידער אַנשטאָט מיט געוויין אָדער קללות.

זיין ליד „אין סטרייק", געשריבען אין צייט פון גרויסען אומ־פאַרגעסליכען פאַריער סטרייק אין יאָהר 1920, וועקט און רופט די ארבייטער זיך צו האלטען מיט ווירדע און שטאָלץ און קעמפען ביז צו לעצט. גיט מאכען קיין טריט צוריק. אָדער זיין ליד „איבערגאנגס שטימונגען" גיט איבער דעם „ויתרוצצו" וואָס נעהט אָן ביי איהם צווישען צווייפעל און האָפנונג.

דיזע און אַנדערע געפיהל־אויסגוסען קומען פון דער טיפעניש פון דער נשמה, און דערפאר זיינען זיי ליבער, טייערער און ווערט־פולער פון זאכען וואָס זיינען געשריבען מעהר ליטעראריש, אָבער מיט פיל ווייניגער ערנסט אָדער הארץ.

א. בראונשטיין.

לידער

זכרונות

1

אך, ס׳איז שוין לאנג געווען
מיט יאָהרען נאָך צוריק,
ווען איך האָב אויף מיין שטעדטעל
געטאָן דעם לעצטען בליק.

2

אין מיין מאַמעס אַלטען פּארטיך
איז אין א ווינקעל פּארפּאַקט געלעגען
וועש, תפילין א טלית קטן.
מיין אָרים גאַנץ פארמעגען...

3

מיט מיין בינטעל אונטער׳ן אָרים
בין איך לאַנגזאַם זיך געגאַנגען
און געקוקט אויף יעדען איינעם
מיין זיי־געזונד זיי צו דערלאַנגען.

4

איך בין לאנגזאם זיך געגאנגען
און געקוקט אין אלע זייטען
און פייטעל דער בעל עגלה
ער ווינקט צו מיר פון ווייטען...

5

און געכאפט האט ער מיין בינטעל
און שנעל ס'אוועקגעטראגען
און איך, א צומישטער,
איך זיץ שוין אויפ'ן וואגען.

6

איך זיץ א פארטראכטער,
מיין קאפ אראפגעבויגען
און א פראגע פרעסט און דריקט מיך
צי וועל איך דארט צו עפעס טויגען? ...

7

נאך אמעריקא געה איך פאהרען,
אינ'ם לאנד פון געלד און גליקען;
מיט א הארץ פול מיט האפענונג
און ס'דארשטען מיינע בליקען.

8

מיין הארץ פריידט זיך, שרעקט זיך...
מיינע אויגען פליהען, יאָגען,
און זיי קוקען העט אהינצו...
וואו ס'הויבט יעצט אָן צו טאָגען...

9

ווי זיי וואָלטען וועלען פרעגען,
פון מיין צוקונפט זיך דערוויסען,
צי וועל איך דאָרט שאפען קענען
און אויך פון לעבען צו געניסען?

10

אונבאמערקט ס'ווערט פארשוואונדען
דאָס גאַנצע שטעדטעל פון די אויגען,
און די רעדער קרעכצען, סקריפען,
דאָס פערדעל געהט אויך געבויגען.

11

מיר זיינען שוין ביים צלם
ביי דעם וואַסער ביי דעם קלאָרען,
און איך טרינק, איך קוויק זיך,
טרינק זיך אָן אויף פילע יאָהרען...

12

אך, שוין לאנג ווי ס׳איז געווען,
מיט יאָהרען פיל צוריק,
ווען כ׳האָב אויף מיין שטעדטעל
געטאָן דעם לעצטען בליק.

13

פול מיט האָפענונג, פול מיט לעבען
בין איך דאָן אין לאַנד געקומען
און אצינד נאָך יאָהרען פלאָגען
כמעט שוין אומגעקומען...

14

צו קיין ארבייט כ׳בין ניט פעהיג
צו קיין ביזנעס, כ׳האָב קיין גליק.
און ס׳שרעקט מיך, און רופט מיך
אין מיין שטעדטעלע צוריק.

15

צו מיין שטעדטעל, צו מיין זיסען
וואָלט איך פאָהרען יעצט צוריק ;
אויף די סטעזשקעס צו מיין חדר
וואָלט איך ווען טאָן א בליק.

16

אויף די סטעזשקעס, אויף די וועגען
וואָלט איך וועלען טאָן א בליק,
דאָרט, וואו ס'איז פארשוואונדען
מיינע יאָהרען פון יוגענד־גליק...

17

אזוי פיל יאָהרען זיינען פארלאָפען
אינ'ם לאנד פון געלד און גליק ;
צובראָכען אין גייסט און קערפער
פיהרט מיך אין מיין שטעדטעל צוריק...

צו אַ קינד
(מלחמה ליד)

משה'לען געווידמעט.

שלאָפט זיך דאָס קינד
אין ווייסינקען וויגעלע;
שלאָפט זיך און חלומ'ט
פון ווייס-גאָלדען ציגעלע.

שלאָפט זיך און שמייכלעט,
וואָס ס'וועט אַמאָל האנדלען
פון אלעמען גוטען —
פון ראָזשינקעס און מאנדלען.

די מאמע, די גוטע,
זי מאכט איהם צו האָפען
מיט ליבינקע לידלעך
ביי'ן לייגען איהם שלאָפען.

חלומ'ט און שמייכעלט
פון דער זיסינקער סחורה,
אויך פונ'ם מלאך,
וואָס לערענט איהם תורה.

איך בין דיך מקנא,
קליין אונשולדיג קינד,
וואָס ביזט ניט קיין גרויסער,
קיין פאַרשטענדיגער אצינד...

וואָס ביזט ניט קיין גרויסער
און זעהסט ניט די נויט,
ווי טויזענטער מענשען
פעהלט טרוקענעם ברויט.

ווי מיליאָנען פון מענשען
זיי לעבען ניט מעהר
ווי פאַר'ן קאַפּריז
פון'ם טייפעל'ס באַגעהר...

וואָס ביזט ניט קיין גרויסער
און פיהלסט ניט דעם וועהטאָג
פון לאַכען און שמייכלען,
ווען שרייען איז נויטיג.

ווען דאַרפסט זיך צושיידען
מיט חברים און ברידער
און מאַכען זיך פרעהליך
און זינגען זיך לידער.

און באַפעהלען דיר שוויינען,
ניט נעהמען אין אַכט —

די וועלט איז אין פלאַמען,
די וועלט איז אין שלאַכט...

איך בין דיך מקנא,
קליין אונשולדיג קינד,
וואָס ביזט ניט קיין גרויסער,
קיין פאַרשטענדיגער אצינד...

חלום זיך, קוויק זיך
מיט די לידלעך פון דיין מאַמען;
צו ווערען א גרויסער
וועסטו קיינמאָל ניט פאַרזאַמען.

דער זינדער

דאָס פּנים פֿאַרקרימט
פֿאַרוויינט־רויטע אויגען,
שטעהט דאָרט דער זינדער
אין דרייען געבויגען.

ארום שטעהען פֿילע
פֿאַראכטעטע בליקען,
געהמען איהם דורך,
שטעכען אין רוקען.

אלע גאנץ פֿיינע
איידעלע קינדער,
שילטען מיט קללות
דעם אָרימען זינדער.

צוביסלאך דער זינדער
הויבט אויף די אויגען,
רעדט אין דער שטיל,
די ווערטער געצויגען.

„איך בין א זינדער —
איך קען ניט באשטרייטען —
לאזט מיך מיין זינד
אויף תשובה פארבייטען.

חרטה און תשובה
פרעסען מיינע געהירען,
פארמאכט ניט, איך בעט אייך,
פאר מיר אייערע טירען.“

ביים זינדער די אויגען
קריכען פון די לעכער
און שרייט מיט וועהטאג
אלץ שטארקער און העכער.

„געפינט זיך ניט איינער,
וואס זאל מיך באדויערען
בלייב איך ביי יעדען
אויף אייביג פארלוירען?

געפינט זיך ניט אייגער,
וואס פיהלט מיינע שמערצען?
וואס דריקט מיך מיט וועהטאג
חרטה אין הערצען?

ווייל טאקע א יעדער
אין אפגרונד מיך ווארפען ?
מיט שעלטען און קללות
מיין וועהטאג פארשארפען ?"

זיין פנים פארקרימט,
אין דרייען געבויגען ;
ר'האט אין דער שטיל,
די הערצער געצויגען.

„לאזט מיך, דעם זינדער,
מיין פעהלער פארריכטען ;
לאזט מיך דאס שלעכטע
אין זיך צו פארניכטען.

בלויז דורך א צופאל
בין געווארען א זינדער
געווען גלייך ווי איהר
פון גאט'ס געבענשטע קינדער .

פון דעם טאַנץ

מיר האָבען פארבראכט,
געטאַנצט און געשפּרונגען;
מיר האָבען געלאכט
און פרעהליך געזונגען

יעצט געהען מיר אהיים
ס'איז אומעדיג שטיל;
טאַנצען און שפּרינגען
נאָך זיך עם וויל...

פאָהר געזונד!

(מיין חבר מ. גאַמבורג)

פאָהר געזונד
חבר ליבער,
פאָהר מיט גליק
דעם ים אַריבער.

זאָלסט דאָרט יעדען
געבען גריסען
ווער פון מיר
ס'וועט וועלען וויסען.

וועט מיין מאַמע
אויף מיר פרעגען,
זאָג דעם אמת,
זאָלסט ניט לייגען.

אַז ניט קיין גליק
האָט דאָ געטראָפען,
בלויז זיך פלאגען,
פון היים פארוואָרפען.

בלויז זיך פּלאָגען,
בלויז זיך זאָרגען,
אַוועק דער היינט —
נו, און מאָרגען?

אָך, דאָס טראַכטען,
אָך, דאָס בענקען
ווי עס וויל
קיין רוה מיר שענקען

זאָלסט איהר, חבר,
פון אַלץ דערצעהלען,
פון אַלץ וואָס ווייסט
זאָל גאָר ניט פעהלען.

אַ מאַמע מעג —
דאַרף אַלעם וויסען,
ווי מיין הארץ
איז דאָ צוריסען.

גאָר מיט איהר
קען איך זיך טיילען...
גאָר א מאַמע
קען וואונדען היילען...

אין סטרייק

(פאַריער סטרייק, 1920)

די פאבריקען שטעהען לעהר,
ס'שווייגען די מאַשינען.
מיר זיינען אלע ארוים אין קאמף
מעהר רעכטע צו געווינען.

מיר זיינען אַלע אַרוים אין קאַמף,
באַזעלט מיט הייליג פייער.
צו שטעהן און קעמפען ביז צו ענד
פאר אלעם וואָס איז אונז טייער.

צו שטעהן און קעמפען ביז צו ענד,
קיין טראָט צוריק געגאנגען.
ביז ס'ועט ניט זיין ערפילט
אונזער אלעמענס פארלאנגען.

שטעהען און קעמפען אונערשראָקען
אלע אין דער רייהע.
הינטער אונז די ארביימס וועלט —
אויך די ציים די נייע...

שוין פאַראיבער יענע צייטען
ווען מיר, גלייך מיט מאַשינען,
פלעגען שאפען נאָר פאר יענעם
אָהן א טאָלק, אָהן א זינען.

אויפגעהויבען הויך די קעפ,
אויסגעגלייכט די פּלייצעס.
מיר ווילען לעבען — מענשען זיין,
גענוג געשלעפּט די לייצעס...

מיר ווילען פרייע מענשען זיין,
געניסען מעהר פון לעבען.
אום דאָס אלעס צו ערווערבען —
ניטווארטען מ׳זאָל אונז געבען...

נאָר אליין, אליין זיך נעמען,
דורך קעמפען, דורך שטרייטען.
ווייל נאָר דאן קענען מיר האָפען
אויף שעהנערע, בעסערע צייטען...

שטעהט זשע ברידער ביז צו ענד,
קיין טריט צוריק געגאנגען.
ס׳וועלען זיכער זיין ערפילט
אונזער אלעמענס פארלאנגען....

פריהלינג

פריהלינג איז שוין דאָ,
גוטע, ליבע מענשען;
פריהלינג איז שוין דאָ,
מיט אַלעם אונז צו בענשען.

מיט פרעזענטען און מתנות,
מיט גרינס געפּאַקט די וועגען;
פרעהליך, פרעהליך מענשען קינדער
קומט איהם שנעל אַנטקעגען.

פרעהליך, פרעהליך מענשען קינדער
קומט אויף אַלע וועגען;
אַלעס, אַלעס נעמט פאַר ליב אָן;
זון, ווי אויך רעגען.

פריהלינג איז שוין דאָ.
אַרויס פון אייערע צעלטען!
גוטע, ליבע, ליבע קינדער
זעהט ווי אַלע וועלטען —

שיינען, לייכטען — א מחית.
געניסט, „כאפט״ פון לעבען!
קורץ, קורץ איז דער פריהלינג.
ס׳וועט אייך באנג טאָן, כ׳לעבען...

קורץ, קורץ איז דער פריהלינג.
נעמט, געניסט פון לעבען!
אז ניט איהר, איהר אליין,
וועט אייך קיינער געבען...

זאָלסט ניט קוקען

1.

זאָלסט ניט קוקען אויפ'ן קריגעל,
צי ס'איז שעהן אָדער מיאוס ;
קען זיין א מיאוסער קריגעל
און דער וויין זאָל דאָך זיין זיס...

2.

זאָלסט ניט קוקען אויפ'ן קריגעל
צי ס'איז א פּראָסטער אָדער גוטער ·
קען זיין דאָס בעסטע קריגעל
און דער וויין זאָל דאָך זיין ביטער...

ליבע

מיין פאַלי׳ן געווידמעט.

געווען בין איך עלענד
און אומעטיג פארטראַכט,
דאַן ביזטו געקומען,
מיין לעבען שעהן געמאַכט.

דיינע ליפּען,
צום קושען גרייט,
האָט געוועקט אין מיר
האָפּענונג און פרייד.

דיינע ליבע בלויע אויגען
האָבען באלויכטען מיר מיין צימער,
מיט דיין זילבערן פרעהליך לאַכען
איז פאַרשוואונדען שרעק און קימער.

שטענדיג האָסטו געמורמעלט :
„דיך נאָר האָב איך ליב“,
און עס איז פאַרשוואונדען
דער שמערץ און דער טריב.

איז דען ערגעץ
בעסערס וואָס פאַראַן
ווי צו ליבען
און געליבט צו זיין ?

אומדאנקבארע

1.

כ׳האָב קיין ווערטער ניט געהאַט
אין ליבע זיך ערקלעהרען ;
האָב איך רויזען איהר געשיקט
זי זאָל מיין שמים דערהערען.

2.

די שעהנסטע רויזען פון מיין גארטען
האָב איך אויסגעפליקט
און צו איהר א מתנה
האָב איך זיי געשיקט.

3.

יעדע רויז האָט געדופּטעט
צוזאַמען מיט מיין הארץ,
יעדעס בלעטעל האָט געציטערט
פון מיין ליבעס שמערץ.

גלייכגילטיג זי איז געווען,
אפילו ניט געזאגט קיין דאנק,
מיין הארץ האָט מיר געבלוטעט
פון ערגערניש און באנג.

איבערגאַנגס שטימונגען

1.

כ׳האָב געלעבט זיך שטורעמדיג,
פאר מאָרגען ניט געקלערט,
בלויז דער היינט דער עיקר איז
דער מאָרגען האָט קיין ווערטה..

ביזט דאָך קרעפטיג, ביז דאָך יונג.
ניט קלעהר, ניט טראכט פון מאָרגען
לעב, געניס, ווי ס׳געהט.
פאר שפעטער? דארפסט ניט זאָרגען.

נעהם פון לעבען, וויפיל קענסט
אַ תכלית? האָסט נאָך צייט.
לעב וויל ס׳לעבט זיך
קוק ניט אין דער ווייט.

2.

אזוי געזאָגט האָב איך צו זיך אַליין,
און אַ לויף, א שפּרונג, אַ יאָג —
ניט געקלערט אויף איין מינוט,
אז ס'קומט אַ טאָג —

ווען וועסט ווערען עלטער שוין
און שוואכער דאָך געווים;
און דיין רוקען ווערט געבויגען
אין די לונגען ווערט אַ ריס...

אַרומגעלאָפען, ארומגעיאָגט,
צומאָל אין הויז ניט אַיינגעזעסען;
כ'האָב פאַרזאָרגט די גאַנצע וועלט
און זיך אליין נאָר... כ'האָב פאַרגעסען

אַזוי אוועק איז וואָך נאָך וואָך,
אַזוי אַוועק איז יאָהר נאָך יאָהר
ניט באַמערקענדיג זאָגאר
אז ס'שפּראָצען גראָע האָר...

3.

כ׳שוועב אַרום יעצט אין דער לופטען
צווישען צווייפעל, צווישען האָפען
יעדען טאָג עפּעס נייעס
אין מח נעמט זיך שאַפען.

איין טאָג בין איך פול מיט האָפנונג
פיהל זיך לוסטיג, פיהל זיך פיין,
כ׳האָף — היינט איז ניט אמבעסטען
וועט מאָרגען אפשר בעסער זיין.

איין טאָג בין איך שוין אין צווייפעל,
קען שוין פרעהליך מעהר ניט זיין;
ניט פון היינט, ניט פון שפּעטער
ס׳וועט שוין קיין מאָל בעסער זיין.

וועט מאָרגען אפשר בעסער זיין?
וואָס פאר א שפּאָט, אַ נארעריי...
וועט מאָרגען אפשר בעסער זיין?
מיך אַרט ניט סאַי ווי סאַי...

איך דרעה אַרום זיך אין די גאַסען,
אין יעדער גאַס — אַראָפּ, אַרויף;
און איך פרעג זיך שוין מיט צאָרן...
איז צו אלעם שוין א סוף? ...

ש ב ע ה

מרה שחורה שוועבט ארום
אין יעדען ווינקעל, אומעטום.
משה'לע ליגט אין מוטער'ס שויס;
רחל ווישט די טרעהרען אויס.

דאָס קינד פרעגט, מאַמאַ, מיט געבעט,
צי וועט פּאַפּאַ קומען שפּעט?
וואו איז פּאַפּאַ אזוי לאַנג?
איז אַוועק א וויטען גאַנג?

כ'וועל ניט שלאָפען היינט ביינאַכט
זעהן וואָס פּאַפּא האָט געבראַכט.
ר'וועט מיר ברענגען צאַצקעס פיל,
וועל זיך שפּילען לעבען מיהל.

איאָ, פּאַפּאַ האָט מיך ליב?
איך האָב פּאַפּא אויכעט ליב.
רחל ווישט די טרעהרען אויס,
דריקט דאָס קינד פעסט אין איהר שויס.

קיינמאָל, קיינמאָל מעהר צוריק
וועט שוין קומען יענעם גליק.
ניט פארשטעהן נאָך קענסט מיין קינד,
אז א יתום ביזט אצינד.

ווישט די טרעהרען, קוקט און קלעהרט,
זי מיט משה׳לען אויף דער ערד.
דארפען זיצען זיבען טעג,
ניט באגריסען, ניט קיין נייג.

אָהן גוט מאָרגען, אָהן גוט יאָהר,
מענשען גלייך ווי שאָטענס גאָר.
קומען אריין, געהען אוועק
לאָזען איבער נאָך מעהר שרעק.

מרה שחורה שוועבט ארום
אויף אלץ און אלעם, אומעטום.
קיין מאָל, קיין מאָל מעהר צוריק
וועט שוין קומען יענעם גליק.

ערצעהלונגען

קדיש.

כ'האָב איהם באַגעגענט אַרויסגעהענדיג פון אַ שוהל. מיין גאָט! ניט אָנגעהויבען איהם צו דערקענען. ער האָט אויסגע־קוקט זעהר צוטראָגען. זיינע לאַנגע האָר זיינען געווען ניט אין אָרדנונג. די ברילען האָבען אראָפּגעהאַנגען אויף אַ שוואַרצען שנירעל, און די אויגען — פייכטע, רויטע, פאַרוויינטע.

טויזענדער געדאַנקען און פראַגען האָבען אין דיזען מאָמענט דורכגעבליצט אין מיין מוח. סעם אין אַ שוהל! ? ער צווישען גלויביגע! ? ער צווישען גאָט'ס סטראָפּטשעס, ווי ער דריקט זיך אויס. ער, וועלכער האָט שוין יאָהרען לאַנג די שוועל פון קיין שוהל ניט אריבערגעטראָטען! ?

כ'האָב מעהר געשריען ווי געפרעגט:

— סעם, וואָס איז געשעהן?

ער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט זיינע פאַרוויינטע מידע אויגען, און אָנשטאָט אַן ענטפער, דערלאַנגט ער מיר אַ קאַרטעל געשריבען אין רוסיש:

„מיין טייערער זוהן, מיט גרויסען וועהטאָג מוז איך דיר לאָזען וויסען די שמערצליכע נייעס, אַז דיין ליבע און הייליגע מוטער איז געשטאָרבען. ביזט אַ זוהן, זאָלסט טאָן דיין פליכט..."

מיר זיינען ביידע געגאנגען טריט ביי טריט און געשוויגען. כ׳האָב געכאפּט אַ קוק אויף איהם פון הינטען. ער האָט געקוקט אויפ׳ן הימעל און אַ צופרידענער, קוים באַמערקבארער שמייכעל האָט זיך געוויזען ארום זיינע פארטריקענטע ליפּען.

אין דעם מאָמענט האָט ער מיך אָנגעקוקט און געזאָגט: „כ׳האָב היינט קדיש געזאָגט".

ער האָט מיר אָנגענומען אונטער׳ן ארים און געזאָגט: „חבר מיינער! ווען איך האָב דאָס קארטעל איבערגעלעזען, און מיין צומישטער מוח האָט באַגריפען, וואָס ס׳איז געשעהן, איז דער ערשטער געדאנק געווען — געהן אין שוהל זאָגען קדיש. אָבער כ׳האָב דעם געדאנק ניט אויסגעפיהרט. צוקומענדיג צו דער שוהל, בין איך שטעהן געבליבען. עפּעס אַ געהיימע קראפט האָט מיך אָפּגעהאלטען. עפּעס איז דורכגעפלויגען אין מיין קאָפּ: „געגען דיינע געפיהלען, געגען דיינע איבערצייגונגען, געגען דיינע פּרינציפּען פון אזוי פיל יאָהרען! אַ שרעקליך מידער, מיין קער־פּער ווי מיט בליי אָנגעגאָסען, האָב איך זיך געשלעפּט איבער די גאסען".

„חבר מיינער! כ׳האָב קיין רוה ניט געהאט. ניט ארביי־טען, ניט שלאָפען. קיין זאך ניט געקאָנט טאָן. עס האָבען זיך אין געדאנק געפלאָנטערט ווערטער: „דו ביזט אַ זוהן, טו דיין פליכט".

מיין שוועסטער ווייסט ניט. אַ טאָכטער, זאָגט מען, קען זיך באַגעהן ניט ווימען. מיר האָט מען געלאָזט וויסען. און ס׳האָט זיך מיר אין מיין צודרעהטען מח פארגעשטעלט, ווי מיין מוטער, וואָס איך האָב שוין פערצעהן יאָהר ניט געזעהן, ליגט אַ גוסס׳ע,

און מיט איהרע טויטע ליפּען מורמעלט זי: „מיין זוהן, זאָלסט קדיש זאָגען. דאָס אַלעס וואָס איך פֿאַרלאַנג פֿון דיר פֿאַר אַלע צרות און יסורים, וואָס איך האָב געהאַט פֿון דיר אַלע יאָהרען.

„כ׳האָב געליטען, שרעקליך געליטען. כ׳האָב מיט זיך אַ קאַמף געפֿיהרט. ניט איין מאָל, נאָר פֿילע מאָל בין איך ביי דער שוהל געווען און זיך געריסען צו געהן, און זיך אָוועקגעריסען און ניט געגאַנגען. אָבער איך האָב געמוזט, איך האָב געמוזט געהן...“

ער האָט מיר טיף אין מיינע אויגען אריינגעקוקט און מיין אָרים שטאַרק געדריקט, ווי ער וואָלט וועלען זיך פֿאַרענטפֿערען פֿאַר׳ן שריט וואָס ער האָט געמאַכט. זיינע אויגען האָבען מיר געוואָלט איבערצייגען, אַז ער האָט געמוזט אַזוי האַנדלען. זיין שאַרפֿער בליק האָט מיך געוואָלט צווינגען איך זאָל צושטימען...

„אַצינד פֿיהל איך זיך צופֿרידען. איצט פֿיהל איך זיך רו־היגער...

„איך בין אריין אין שוהל, אַוועקגעשטעלט זיך אין אַ ווינ־קעל און געוואַרט. ווען אַלע האָבען אָנגעהויבען צו זאָגען קדיש, האָב איך דערפֿיהלט אַ שטאַרקע היץ אין מיין קערפּער און אַ קוואַל טרעהרען האָט באַגלייט מיין יעדען וואָרט, וואָס האָט זיך געצויגען מיט אַ שלוכטס און געוויין...“

ער האָט מיין האַנד געדריקט און געזאָגט:

„איך פֿיהל זיך בעסער, אָה, אַ סך בעסער...“

אין אַ גרויסען שאַפּ

די פּאַריער געווידמעט.

צו מיינע עלטערען אין יוראָפּ האָב איך געשריבען דעם ער־שטען בריף, אז איך ארבייט אין א פאבריק פון פוטער.

מיין ערשטע פאבריק, וואו איך בין געוואָרען א פאָריער, איז געווען אין בליקער סטריט אויף א טאָפּ־פלאָר. שפּעטער בין איך געוואָר געוואָרען, אז מען רופט דאָס „גערעט". די פאבריק איז באשטאנען פון 5 ארבייטער. דער באָס איז געווען דער זעקסטער. געווען איז בלויז איין פענסטער. מיר זיינען געווען פיר אפּרייטאָרס. דער סילינג איז געווען נידעריג איבער אונזערע קעפּ, און זעלטען אז אן אפּרייטאָר האָט זיך אויפגע־הויבען פון מאשין ניט צוקלאַפּענדיג זיך דעם קאָפּ.

כמעט אין די מאשינען אנגעשפּארט איז געשטאנען א טיש, וואו עס האָט געארבייט א קאטער, און דער באָס איז געווען דער צווייטער.

דער באָס, מיין פאבריקאנט, האָט גיכער אויסגעקוקט צו זיין א שמש אין א היימישער שול... א קליין, נידעריג אידעל, מיט א געשאָרען געל בערדעל, און פלעגט ער רעדען מיט א

קאסטימער, פלעגט ער זיך האלטען אין איין גלעטען דאס בערדעל. דאס האט געהייסען, ווי איינער רעדט: ניט מיר גלויבט, נאר מיין בארד, מיין בארד גלויבט...

ביי דער ארבייט איז געווען גאנץ פרעהליך. פון זיך אליין איז א גאנצער כאר צוזאמענגעשטעלט געווארען און איבערגעזונגען כל נדרי, יעלה׳ס, ונתנה תוקף, שבת׳דיגע קדושה, הלל. נאכהער האט מען זיך גענומען צום אידישען טעאטער. שולמית און בר כוכבא האבען פארנומען דעם אויבען אן, נעקסט זיינען געקומען אלע לידעלאך פון די אידישע וואדעווילס, און גאר צולעצט זיינען געקומען די גאסען-לידלאך, ווי „ישראל׳יק קום אהיים“, „גאט און זיין משפט איז גערעכט“ און „דער מאן מיט דער נאדעל מיט דער שער“.

אונזער פאבריקאנט איז אויך ניט אפגעשטאנען פון דער קאמפאני, איבערהויפט ווען מיר פלעגען זינגען פון ימים נוראים; פילע מאל פלעגט ער זיך צוהיצען און זיך צושרייען, אז מיר זיינען גראבע יונגען — מיר האבען גאר ניט קיין געפיהל אין נגינה — אין זינגען; ער פלעגט זיך אוועקשטעלען און אליין איבערזאגען פאראויס און אונז שטעלען דעם טאן. מיר האבען זיך געפיהלט גאנץ היימיש: אריינגעקומען ווען מיר האבען נאר געוואלט און אהיים געגאנגען ווען מיר האבען געוואלט, ווייל די מעהרסטע פון אונז האבען געארבייט פון שטיק, און אבוואהל די ווייזשעס צו ענדע וואך זיינען געווען מאגערע, דאך זיינען מיר מעהר-וועניגער געווען צופרידען.

אין הויז וואו איך האב געוואוינט, איז געווען נאך א יונגערמאן און א מיידעל; ער האט געארבייט ביי קלאוקס און

זי — ביי ליידיס ווייסטס. כמעט יעדען טאָג ביי סאַפּער פלעגען זיי דערצעהלען פון זייער שאַפּ גאַנצע נסים: פון פאָר־מאַן, דעזיינער, בוכהאַלטער, מענעדזשער — זעלטען ווען מ'האָט אַ זכות צו רעדען מיט'ן באָס. דער באָס וויל זיי אָפּרעכענען פאַר עלעקטרי, וואָס זיי טרייבען די מאַשינען; ווי מ'זעצט זיך אַרוים די נשמה איינער דעם צווייטען איבערצויאָגען אין אַר־בייט; ווי מ'ברענגט פּרעזענטען די פאָרלייטע; מ'טרינקט צו־זאַמען מיט די מענעדזשערס, און נאָך פילע זאַכען, וועגען וועל־כע איך האָב אַבסאָלוט קיין באַגריף ניט געהאַט.

און מערקווירדיג, וואָס מעהר איך האָב זיך אָנגעהערט מיט די דאָזיגע ערצעהלונגען, אַלץ מעהר איז ביי מיר דער חשק געוואַק־סען צו אַרבייטען אין אַ גרויסען שאַפּ.

פאַר וואָס זאָל איך ניט זיין אַן אַרבייטער ווי אַלע אַנדע־רע? פאַר וואָס ניט האָבען עפּעס צו דערצעהלען גלייך ווי אַנ־דערע? פאַר וואָס ניט אַרבייטען אין אַ גרויסען שאַפּ? און אַז איך פלעג אַמאָל פאַר זיי דערצעהלען ווי מיין באָס זינגט מיט אונז צוזאַמען איבער די יעלה'ס, פלעגען זיי זיך האַלטען ביי די זייטען לאַכענדיג, און פלעגען זאָגען: מ'שטיינס געזאָגט אַ פאַבריק, אַ באָס, און אַלעם הייסט אַרבייטער; אי קאָלאָמבוס, קאָלאָמבוס... אַמאָל טוט מיר די מיידעל אַ פרעג גלאַט אַזוי: אייער דעזיינער האָט שוין געמאַכט די סאַמפּעלס? און שיסט אַרוים אַ געלעכטער. איך האָב זיך אין יענער צייט געפיהלט פיל נידריגער פאַר זיי; אי אַן אַרבייטער אי ניט קיין אַרביי־טער. ניין, ס'וועט ווייטער אַזוי ניט געהן. איך וויל ווערען אַן אַרבייטער מיט אַלעמען צוגלייך; איך וויל אַרבייטען אין אַ גרויסען שאַפּ; יאַ, אין אַ גרויסען שאַפּ!

א צופאַל האָט מיך געבראַכט נאָך באָסטאָן, און זייענדיג דאָרטען א פּאָר טעג, בין איך אָנגעקומען ארבייטען אין א גרויסען פּאַר־שאַפּ, אָבער טאַקע אין א גרויסען: רייכע באָסעס מיט א פאָרמאַן, א פאָרליידי, א בוכהאַלטער, א מענעדזשער און א הער אפּרייטאָר. אָנגעזאָגט האָט מען מיר, אז פּונקט 8 אזייגער אין דער פריה מוז איך שוין זיין אין שאַפּ. איך זיץ ביים מאַשין און וואַרט, ביז מ'וועט לאָזען די עלעקטרי; דער־ווייל פיהל איך אויף זיך א 60 פּאָר אויגען, וואָס נעהמען מיך דורך און דורך. דריי קלעפּ פון א האַמער און — די עלעקטרי ווערט געלאָזט, און אלע 16 מאַשינען מיט אמאָל: דורררר — דורררר. מיין גאַנצער קערפּער איז עלעקטריזירט געוואָרען — איך בין שיער ניט פאַרטויבט געוואָרען. ס'האָט ניט לאַנג גע־נומען און איך בין געוואָר געוואָרען, אז איך ארבייט אין א גרויסען שאַפּ, אָבער טאַקע אין א גרויסען.

אויף א פּאָר מינוט בין איך פונ'ם מאַשין אוועקגעגאַנגען. איך קום צוריק. איך זעה, ווי אלע אפּערייטאָרס זיצען די קעפּ פאַרטאָן אין די מאַשינען, און פון הינטען ארום כאַפּען זיי א קוק אויף מיר. איך, קיין זאַך ניט פאַרדעכטענדיג, זעץ זיך אוועק אויפ'ן טשער און — איך שפּרינג צוריק אויף מיט א שטאַרקען וועהטאָג... און אלע ארבייטער מיט אמאָל שיסען ארויס א גע־לעכטער. פון צווייטען זייט שאַפּ פרעגט א קאַטער, א גרעק, אין א געבראָכענעם ענגליש: „האו וואז איט?" און א פּאָר שטימען ענטפערען איהם צופרידען: „אָ פיין, אָ פיין..."

איך פיהל זיך עפּעס אזוי קליין, אזוי קליין, מיין פּנים פאַר־קרימט פון וועהטאָג און א שנאה צו די צינישע שמייכלער.

נאָר, ס'איז גאָר ניט, ס'איז גאָר ניט, איך אַרבייט דאָך אין אַ גרויסען שאַפּ...

די ספּול קאָטאָן האָט זיך געענדיגט, און איך פרעג מיין שכן, דעם אָפּערייטאָר, וואו מען קריגט קאָטאָן. יענער שטעלט אָן אַן ערנסטע מינע און זאָגט אין אַ הויכען טאָן, אַז נאָך איינינגע זאַלען הערען: מיסטער, איהר יוזט אוים צופיל קאָטען... און ווידער אַ געלעכטער, און ווידער אַ הירזשעריי.

איך פיהל זיך אַזוי באַליידיגט, איך פיהל זיך אַזוי געקרענקט. נאָר ס'איז גאָר ניט, ס'איז גאָר ניט, איך אַרבייט דאָך אין אַ גרויסען שאַפּ...

מיין מאַשין האָט רעוואָלטירט, און וויל ניט גייהען; זי ברעכט נאָדלען. ס'קומט צו דער העד-אָפּערייטאָר, קוקט אַ פּאָר מינוטען און פרעגט מיר: האָט איהר אַ מעסער? איך דערלאַנג דאָס איהם. ווייזט די האַנט — זאָגט ער, — און ער פּראָבירט מיט'ן מעסער אויף מיינע פינגער... מ'דאַרף די פינגער אַביסעל באַשניידען... און ווידער אַ געלעכטער; אַן אָפּערייטאָר, אַן איטאַליענער, האָט זיך אַזש פאַרקייכט פון געלעכטער.

איך געה אַרונטער פאַר דינער, קום צוריק, וויל אָנטאָן מיין אַרבייטס-ראָק; אוממעגליך — איין אַרבעל איז איינגענעצט און פאַרקניפּט מיט אַ גרויסען שטאַרקען קנופּ... כאַטש צורייס דעם אַרבעל...

און ווי פרעך זיי לאַכען, און ווי איינגליש זיי וויצלען זיך אויף מיין חשבון...

איך פיהל, ווי יעדען טאָג ווערט מיר ענגער; איך פיהל, ווי יעדען טאָג ווערט מיין שנאה גרעסער צו אַלעמען און צו אַלעס.

און דאָס איז אַ גרויסער שאַפּ, דאָס הייסט אַרבייטען אין
אַ גרויסען שאַפּ?

ס'איז שוין שפּעט אין אָוונט און איך קען נאָך ניט שלאָ־פען. איך ליג מיט לייכט־צוגעמאַכטע אויגען און איך זעה פאַר זיך דעם קליינעם שאַפּ אין בליקער סטריט אויפ'ן טאַפּ פלאָר: טאָקע בלויז מיט איין פענסטער, מיט ווינציג לופט, טאָקע ניט קיין גרויסע פאַרדינסטען — אָבער אָהן אַ פאָרמאַן, אָהן אַ פאַרליידי, אָהן אַ בוכהאַלטער, אָהן אַ מענעדזשער, אָהן אַ העד־אָפּערייטאָר, און דער עיקר — אָהן ענגע, שמאָל־קעפּיגע עגאָאיסטען...

איך ווער אנדרימעלט און ס'ווייזט זיך מיר אויס, ווי איך זיץ צוזאַמען מיט'ן כאָר אויפ'ן טאַפּ פלאָר, מיט'ן באָס צוזאַמען, זינגען מיר איבער די יעלה'ס און כל נדרי און דאָס גאַנצע דאַווענען פון ראש השנה און יום כפור.

און איך פיהל אַזוי גוט, אַזוי גוט.

אין שלאָף האָב איך דערהערט, אַז דער זייגער האָט שוין גע־שלאָגען זיבען. פויל הויב איך זיך אויף, וואַש זיך אָפּ; איך בלייב שטעהן מיט'ן נאַסען פּנים; אַ געדאַנק האָט דורכגעבליצט — ניט געהן צוריק — ניין; ניט געהן צוריק אין שאַפּ. מוחל, מוחל דעם גרויסער שאַפּ, מוחל דעם גרויסען געפּילדער, דעם טאַראַראַם פון דער גרויסער פאַבריק, מיט די קליינע מענשעלאַך...

איך וויל צוריק אין מיין קליינעם שאַפּ אויפ'ן טאַפּ פלאָר,

מיט די קליינע מיטארבייטער; איך וויל מיט זיי צוזאמען זינגען די יעלה׳ס, זינגען כל נדרי. מוחל די גליקען פון א גרויסען שאפ, מוחל די גרעסערע פארדינסטען. איך וויל מעהר פרייהייט, איך וויל א מענש זיין...

ניגון געארבייט אין א גרויסען שאפ.

זיין חתונה.

אלע האָבען געקענט מיין פריינד ש. פאר א פרעהליכען בחור. זעלטען, אז מען האָט איהם געטראָפען טרויעריג. אלע מאָל מיט'ן געלעכטער, מיט'ן וויץ און גלייכווערטעל. אפילו אין זיינע ערגסטע אומשטענדען האָט ער געלאכט און געמאכט דעם צווייטען צום לאכען. ווען איך האָב איהם דאָס מאָל באגעגענט, האָט ער אויסגעקוקט זעהר פרעהליך, מעהר ווי אלע מאָל. ער האָט זיך מיט מיר ארומגעכאפט און געזאָגט: „לאָמיר זיך צוקושען און גיב מיר אָפּ מזל־טוב. שוין צעהן טעג אז איך האָב חתונה געהאט". און ס'איז מיר באלד קלאָר געוואָרען זיין אויסערגע־וועהנליך־פרעהליכער אויסזעהן...

— ווי פיהלסטו אצינד? — פרעג איך איהם, — און ווי האָסטו געפיהלט אויף דיין חתונה?

— אך! — זאָגט ער, — שווער, מיין פריינד, דיר אלעס איבערצוגעבען. שטונדען לאנג בין איך געווען ווי צומישט, ווי נים אויף דער וועלט. איין מאָל בין איך געבליבען שטעהן אליין: א פארטראכטער מיט זיך אליין. און ס'האָבען אָנגעהויבען דורכ־שוועבען און דורכפליהען פון אלע זייטען, פון אלע וועגען, מיינע פינף־און־צוואנציג יאָהר פון מיין לעבען. איך בין געווען פאר־

טיפט, קיין זאך ניט געזעהן, קיין זאך ניט געהערט — בלויז מיין פארגאנגענהייט. און איך זעה, ווי עס קומען זיך צוזאמען אלע מיינע יאָהרען צוטיילט אין פעריאָדען, אין גרופען און שטעלען זיך אויס אין רייהען.

אַט באווייזען זיך די יאָהרען פון מיין קינדהייט, מיט שטאָלץ, מיט אויפגעהויבענע קעפּ. אונז, זאָגען זיי, קומט אַ גרויסער חלק אין דיין „שמחה", אין אונזער צייט ביזטו נאָך געווען ריין... ניט פארפלעקט מיט גרויסע קלייניגקייטען... און מיט קליינע גרויסקייטען...

דער קאָפּ, דער מוח, דאָס הארץ, די נשמה, די געהירען, די געדאנקען זיינען געווען ריין, ניט פארפלעקט... און איך זעה אלע מיינע ווינציגע, אָבער גוטע יאָהרען...

אַט קומען צו לויפען די גמרא־יאָהרען מיט פארריסענע קעפּ און אביסעלע חוצפּה... און זאָגען: אונז קומט אַ גרויסער חלק אין דיין שמחה, מיר האָבען דיך פון דעם קינדער־שכל ארויסגע־פיהרט... ווען ניט מיר, וואָלסטו ביים קינדער־שכל געבליבען... איך פארטראכט זיך און פארשעהם זיך. אָה, איך געדענק ווי איך האָב זיך אָנגעהויבען גריבלען און פרעגען... איך געדענק, ווי איך פלעג גראדע ווערען וויסען די שורות מיט רינגעלאך ארומגענו־מען, וואָס דער רבי פלעגט איבערהיפּען... אָה, אַ צייט פון אַ קליינער רעוואָלוציאָן אין מיין מוח... פראגען און פראגען און פארטראכטען זיך און נאָך און נאָך... אַט באווייזען זיך די יאָהרען נאָכ'ן חדר און זאָגען: אונז קומט דער גרעסטער חלק אין דיין שמחה.

מיר האָבען דיר די אויגען געעפענט, צוביסלאך דעם שלייער

ארונטערגעצויגען... מיר האָבען דיר צוביסלאַך איניגע פראַגען פאַרענטפערט. מיר האָבען דיר פאַר א שטיקעל מענש געמאַכט... דיך אין לעבען ארויסגעפיהרט, אידעאַלען אין דיר איינגעפלאַנצט, מיט דער וועלט דיר באַקענט. אָה, איך געדענק, ווי איך האָב אָנגעהויבען געהן אויף דער וועלט מיט'ן לעבען זיך באַקענט...

און אָט קומען די יאָהרען, ווען איך בין שוין אין לעבען געווען. יאָהרען אין שווארצע קליידער, וואו ניט וואו זעהען זיך ווייסע פלעקען, פלעקען פון גליק און צופרידענהייט... זיי שטע־הען, די יאָהרען, און בלענדען די אויגען מיט זייערע פעסימיס־טישע טעג און נעכט, יאָהרען פון הונגער, נויט, מורא, זאָרג, פאַר־צווייפלונג, קראַנקהייט, הארבע, שטאַרקע לעבענס־פראַגען, לײדענ־שאַפטליכע, צוהיצטע, שווערע פראָבלעמען פון מענש, איד, קריסט, ישיבה־בחור, ארבייטער, איינזאַמער באַרדער לעבען מיט'ן פאַמי־ליען־לעבען. ס'ווילט זיך אימיצען ליבען און פון אימיצען געליבט צו ווערען. א פאַרלאַנג מיט עפּעס אויסצופילען דאָס פוסטע הארץ.

אין קאָפּ, אין הארץ טומעלט עפּעס קינדישע הענטעלאַך... קינדישע נשמה'לאַך... און נאָך, און נאָך... און זיי שטעהען, די יאָהרען, ווי שווארצע שאָטענס, און מיין הארץ ברעכט און דער מוח ברענט...

דאָס שפּילען פון דער מוזיק האָט מיך אויפגעוועקט. איך קוק זיך ארום — פאַרלאָך פליהען ארום זאַל און טאַנצען. עלעקט־רישע לאָמפּען ברענען פון פאַרשידענע קאָלירען. לעבען מיר שטעהט מיין כלה אָנגעטאָן אין ווייסען, מיט ווייסע בלומען אין האנד — א צייכען פון אומשולד, א צייכען פון פרידען... אויך ביי מיר אין לאַץ א ווייסע רויז און מיר דאַכט, ווי די רויז ווערט

גרעסער און גרעסער. די יאָהרען מיט די שווארצע שאָטענס האָבען זיך אָפּגעטראָגען... די יאָהרען מיט דער חוצפּה זיינען פארשוואונדען... געבליבען זיינען בלויז די קינדערשע יאָהרען, די ווייסע, ריינע, אומשולדיגע... האָבען זיך מיט די ווייסע רויזען באהעפט און שלום געמאכט... די מוזיק שפּילט, פאָרלאַך טאַנצען. איך ווייס ניט, ווי אזוי איך דרעה זיך אויך אין מיטען...

ער האָט מיר מיין האנד געדריקט און איז מעהר געלאָפען ווי געגאנגען...

מיינע אויגען האָבען איהם באגלייט אפילו ווען ער איז געווען פארשוואונדען... און געטראכט און מיטגעפיהלט האָב איך מיט מיין גליקליכען צופרידענעם פריינד.

בילדער פון פריזיון צייט

מיין חבר בנימין א מתנת.

1.

ווען איך בין אריינגעקומען צו מיין חבר בנימין אין הויז, האָב איך געטראָפען דאָרטען אריינגעשטעלט צוויי רעקרוטען.

— בנימין, — פרעג איך, — דיין מאמע האָט זיי אריינגעלאָזט ?

— ס'ווייזט אויס, — זאָגט ער, — אז זי האָט קיין ברירה ניט געהאט...

ווען מיר זיינען ארויס אין גאס, האָבען מיר געזעהן א גאנצע כמארע מיט רעקרוטען. א טייל פון זיי טראָגען זיך מיט קעסטלאך־רענצלאך. א טייל פון זיי טראָגען זיך מיט גרויסע טאָרבעס אויפגענייהט פון ווייסע לייווענט, מיט שטריקלאך ארומגעבונדען אונטער'ן ארעם. אייניגע טראָגען אלטע סאָלדאטסקע היטלען מיט אלטע אפגעריבענע סאָלדאטסקע שינעלען. א טייל טראגען שמוישענע היטלען און ווייסע פוטערנע פעלצען מיט רויטע לעדערנע שטיוועל. פון די כאַליאַוועס ביי אייניגע זעהען זיך ארויס הילצערנע לעפעל.

אַלע געהען איינגעהויקערט, טראָגענדיג די שווערע משא אויף זייערע פּלייצעס. זייערע פּנים'ער דריקען אויס מורא, זאָרג און פאַרצווייפלונג. נאָך זיי לויפען נאָך אַ כאַליאַסטרע אינגלאַך, מיידלאַך, אויך עלטערע מענשען. מ'לאַכט און מ'וויצילט זיך איבער זיי. פאַר זיי געהט אַן אַלטער סאָלדאַט, געהט אַריין אין יעדער הויז און צושטעלט דאָרטען צו צוויי, צו דריי סאָלדאַטען אין אַ הויז. אָבער ניט אין יעדער הויז קען ער אַריינגעהן. פילע פאַרמאַכען די לאָדען, פאַרשליסען די טירען און געהען אוועק. זיי ווילען ניט האָבען אַזעלכע אומגעבעטענע געסט... און מיר באַטראַכטען די אָרימע אַרומוואַנדערער מיט דער משא אויף די פּלייצעס איינגעבויגענע און געהויקערטע, ווי מען פאַרמאַכט פאַר זיי די טירען, ווי מען פאַרקלאַפּט די לאָדען, מ'וויל זיי ניט אַריינלאָזען איבערנעכטיגען. פאַרוואָס? פאַרוואָס? ווייל זיי זיינען רעקרוטען? ווייל זיי זיינען פּריזיוואָניקעס?

אַט פרעגט איין פרוי ביי אַ צווייטער: ביי אייך האָט מען אַריינגעשטעלט? ניין, ענטפערט יענע זעהר אַ צופרידענע. איך האָב דעם סאָלדאַט געגעבען אין האַנד אַריין און פּטור אַ גע־שעפט... און זי איז ניט די ערשטע און ניט די לעצטע אויס־צוקויפען זיך פאַר אַ פּאָר קאָפּיקעס... און די עלענדע טראָגען זיך אַרום פון גאַס צו גאַס, פון הויז צו הויז, מידע, צובראָכענע, עלענדע.

ס'פאַלט צו די נאַכט. איך געזעגען זיך מיט מיין חבר און געה אַהיים.

2

אהיים קומענדיג און עפענענדיג די טיר, באמערק איך, ווי אין א ווינקעל שטעהען 2 קעסטלאך און א טארבע. מאמע, פרעג איך אין איין אטעם, שוין ארייגעשטעלט? וויפיל?

— וואס איז אויף דיר אזא גדולה, — פרעגט די מאמע א ברוגז'ע, — ארייגעשטעלט, ארייגעשטעלט אזש דריי.

זעהענדיג, אז מיין מאמע איז א ברוגז'ע, האב איך זי שוין מעהר גארנישט געוואלט פרעגען.

ס'האט ניט לאנג גענומען און די רעקרוטען זיינען אריינ־געקומען: צוויי קריסטען און איין איד. זיי קומען אריין שטיל, רעדען ניט קיין ווארט — זיי וואגען ניט, זיי פיהלען זיך פרעמד, איינגעבעטענע. זיי עפענען זייערע קעסטלאך, נעהמען זיך צו־זאמענלייגען וואס זיי האבען איינגעקויפט. איך שטעה פון ווייטען און קוק זיך צו. אט זעה איך וועש, מעסערלאך, לעפעל, בערשט־לאך, באוועל, נאדלען און נאך קלייניגקייטען. זיי ענדיגען דאס צוזאמענלייגען, נעהמען ארויס ברויט מיט קעז, ציבעלעס, זעצען זיך אוועק אויף די קעסטלאך און עסען, רעדען צווישען זיך שטיל, קוים צום הערען...

ווען מיין מאמע איז ארויס פאר א ווייל, האב איך פארפיהרט א שמועס מיט דעם אידען. איך פרעג איהם פון וואנען ער איז און צי האט ער עלטערען, שוועסטער, ברידער? ער ענטפערט מיר שטיל, טרויעריג: איך האב קיינע שוועסטער, קיינע ברי־דער, אפילו ניט קיין פאטער, בלויז א מאמע. נו, זאג איך, זייט איהר דאך איין־איינציגער, זיי טארען דאך אייך ניט נעהמען פאר

א סאָלדאַט. וואָס, זאָגט ער, העלפט אַצינד אַזעלכע זאַכען, אַז פילע זיינען זיך צולאָפען קיין אַמעריקאַ. פעהלען מענשען, נעהמט מען אַלעמען... איך האָב אויך געוואָלט אַוועקפאָהרען, נאָר מיין מוטער איז מיר געפאַלען צו די פיס און מיך געבעטען ניט צו פאָהרען און איך האָב איהר געמוזט צוליב טאָן.

זיינע אויגען ווערען אָנגעגאָסען.

— אך, מיין מוטער, ווער ווייסט וואָס זי מאַכט עפּעס דאָרטען. כ'האָב זי געלאָזט אַ קראַנקע, אַ צעבראָכענע. איך בין אַ סטאָליאַר, איך האָב זי דערנעהרט און אַצינד וואָס? איך ווייס ניט.

ס'האָט מיך פאַרקלעמט דאָס האַרץ, כ'האָב זיך אַוועקגעדרעהט און אַ טרעהר אָפּגעווישט. איך נעהם איהם טרייסטען: גוטע מענשען וועלען אייער מוטער ניט לאָזען פאַלען. איהר וועט זיך אויסדינען, אהיים קומען און אַלעס וועט זיין גוט. זאָרגט זיך ניט, פאַרלירט זיך ניט.

ער הויבט זיך אויף, קוקט זיך ארום אין אַלע זייטען און זאָגט צו מיר אין דער שטיל:

— פאַרוואָס? פאַרוואָס זאָל איך אַוועקגעבען פינף פון מיינע בעסטע יאָהרען? אויף וואָס? אויף וועלכען? וועל איך נאָך די פינף יאָהר מעגען וואוינען אין דאָרף? וועל איך האָבען עפּעס אַ רעכט? וועט מען מיך דען ניט פאַרפאָלגען אויף יעדען טריט און שריט ווייל איך בין אַ איד? ניין, גאָרניט, גאָרניט. פאַרוואָס, פאַרוואָס?

דער געשפּרעך האָט זיך איבערגעריסען דורכ'ן אריינקומען פון מיין מאַמען. איך קען ניט איינשלאָפען. ס'שטעלט זיך

מיר פאָר, אַז איך בין אַ פּריזיוּוניק. ווי שווידערליך דאָס איז! מ'פיהרט מיך אין די גאַסען זוכען פאַר מיר אַ נאַכטלעגער, אַ פּלאַץ, וואו דעם קאָפּ אוועקלעגען. מ'פארמאַכט פאַר מיר די טירען, מ'האָט מורא פאַר מיר... אָט בין איך אַ סאָלדאַט, פּלאָג זיך אָפּ פינף יאָהר, לייד פון פרעסט און קעלט, פארוואָרפען פון פריינד און אייגענע, גיב אַוועק פינף פון מיינע בעסטע יאָהרען. און נאָכדעם? גאָרניט, גאָרניט...

און איך האָב איינגעדרימעלט.

3.

דורך אַ ברייטען, אייזערנעם טויער קומט מען אַריין אין פּרי־זיוּו־הויף. דאָ שטעהען און געהען אַ סך מענער און פרויען. אַ פּאָר פרויען ברעכען די הענט און וויינען אין דער שטיל.

אָן אַ זייט שטהט אַ גרופּע מענער און ריידען שטיל. אַלע ווילע קוקען זיי זיך אַרום אין אַלע זייטען, אַזוי ווי זיי זוכען עמיצען... ניט ווייט פון זיי דרעהען זיך אַרום אַ פּאָר פּאַקטערס־מעקלערס, אַזעלכע, וואָס האָבען אַ צוטריט אין די הויכע פענ־סטער... זיי דרעהען זיך אַרום מיט די שטעקעלאך אין די הענד און מיט די אויגען קוקען זיי געהיימניספול... ס'לויפט אָן אַ דאָרפס־איד. זיי געהען איהם אַנטקעגען, רעדען אַלע שנעל און מאַכען מיט אַלע אברים. די אויגען בלישטשען ביי זיי, ווי ביי אַ חיה, וואָס דערזעהט איהר קרבן. אַלע פארשווינדען...

איך קום צו צום פּריזיוו הויז. הויכע ברייטע פענסטער, פאַראָכקעט פון דער אינעווייניגסטער פּאַרע. דורך די שויבען זעהען זיך האַלב נאַקעטע פּריזיוּוניקעס, וואָס וואַרטען מ'זאָל זיי

רופען. די טיר עפענט זיך און א שטארקע פארע שלאָגט ארויס. ס'קומט ארויס דער סטאראָסטע (א בעאמטער) רויט פארפלאמט אָהן א היטעל, האלט א פאפיר אין האנד און רופט אויס אין דער הויך א נאָמען פון איינעם וואס פעהלט. נאָך זיין אויסרופען כאפען אונטער עטליכע שטימען די זעלבע ווערטער. און איינער באמערקט, זאָלען מיר שוין זיין געזונד, געמאכט פליטה... אָט לויפט ארויס איינער אָהן א דעך, פארשוויצט און שרייט אויף דער שוועל שטעהענדיג: א ווייסען בילעט, א ווייסען בילעט! שמואל־משה־חיים זאָגט דער מאמען! פילע שרייען נאָך: א ווייסען בילעט, א ווייסען בילעט! אָט קומט ארויס דער ווייסער בילעטניק, א הויכער, א דארער, דאס פנים אויסגעצערט, די באקען איינגעפאלען, הויט מיט ביינער, געל ווי וואקס... מ'פאלט איהם אויפ'ן האלז און מ'קושט זיך, דאנקען גאָט, דאנקען גאָט...

ס'קומען ארויס נאָך איניגע פריזיוואניקעס, מ'לויפט זיי אנט־קעגען. וואס הערט זיך? אָפגעגעבען, ענטפערט איינער מיט א געמאכטען צופרידענעם שמייכעל... די איבריגע געהען ארויס, די קעפ אראָפגעלאָזט, טרעהרען קייקלען זיך איבער די באקען, א שרעק זיי אָנצוקוקען. פלוצלונג ווערט א טומעל: א פרוי חלש'ט און די גאנצע מאסע לאָזט זיך אין יענעם ווינקעל. דער פאקטער גע'מסר'ט, הערט זיך אפגעהאקטע ווערטער. איינער האָט זיך געמאכט אן אויער, דעם פאקטער ניט צופרידען געשטעלט האָט ער גע'מסר'ט... אין יענעם ווינקעלע איז א גדולה, א פרייד, מ'קושט זיך און מ'ווינט פאר פרייד: א בלויען בילעט, דאנקען גאָט, א בלויען בילעט. איינער א איד באמערקט ברוגז'לעך, דאנקט ניט גאָט, דאנקט דעם וואס האָט איהם א פאָר פינגער אָפגעשניטען...

איך שטעה אָנגעשפּאַרט לעבען אַ בוים אַ צומישטער. וואָס איז דאָ? דאָ פרעהט מען זיך וואָס די קינדער זיינען קאַליקעס געוואָרען... דאָ פרעהט מען זיך וואָס דער האַלב טויטער איז ניצל געוואָרען פון גוי'שע הענד... דאָ וויינט מען, דאָ חלש'ט מען... און ס'וויל זיך מיר אויסשרייען מיט דער גאַנצער קראַפט פון מיין האַרצען: אידען, מענשען, וואָס טוט איהר? וואָס מאַכט איהר זיך פאַר קאַליקעס, פאַר עוויגע קריפּעלס? איהר מאַכט זיך פאַר טויבע, בלינדע, קרומע, פאַרוואָס? פאַרוואָס הרג'עט איהר זיך אַליין מיט אייערע אייגענע הענד? פאַרוואָס איהר יונגע זאָלט אוועקגעבען פינף פון אייערע בעסטע יאָהרען? פאַרוואָס פאַר וועלכען? געהן דינען, זיין אַ סאָלדאַט, דאָרטען וועט מען אייך באַפעהלען צו שיסען אייערע ברידער. איהר וועט דאָך מוזען טאָן... מ'וועט אייך באַפעהלען צו שיסען אייערע אייגענע עלטע-רען, איהר'ט מוזען טאָן... פאַרוואָס, צו וואָס און נאָך וואָס?

איך קוק זיך אַרום. אויפ'ן פריזיוו הויף איז שוין כמעט קיי-נער נ׳טאָ. כ'געה דורך דורכ'ן ברייטען אייזערנעם טויער. כ'שלעפּ זיך אַרום אין די גאַסען אַ פאַרטראַכטער, אַ פאַריקטער...

מיין ערשטער סטרייק.

די פּאַריער געװידמעט.

איך בין שוין, ווי מען זאָגט, א שטיקעל ארבייטער געוואָ־רען, שוין זיך ארויפגעארבייט, האָב שוין געקראָגען 4 דאלאר א וואָך פאר צעהן שטונדען א טאָג ארבייט און א פּאָר זעקלאך אוועקטראָגען, און צוריקברענגען אלס א צוגאָב...

איך בין שוין ניט קיין גרינער. איך ווייס שוין, אז א נאָ־דעל קאָסט ניט קיין קוואָדער, ווי מען האָט מיך איינגערעדט אלס גרינער... אז די צובראָכענע נאָדלען דארף מען ניט צוזאמענ־קלייבען צו טראָגען צום קאָוואל פיקסען; אז דעם סטראַפּ דארף מען ניט אוילען, די מאשין זאָל ארבייטען גרינגער... און נאָך פילע זאכען בין איך געוואָהר געוואָרען, פון וועלכע מען פלעגט א גרינעם אָפּשרעקען און צוליב וועלכע מען פלעגט פון א גרינעם אָפּשפּאָטען און חוזק מאכען אויף יעדען טריט און שריט. איך האָב, ווי מען זאָגט זיך, אויסגעגרינט, און איך האָב מיין פּאב־ריקאנט געלאָזען וויסען, אז צעהן שטונדען א טאָג צו ארבייטען איז אביסעל צופיל, אז פיר דאלאר א וואָך איז זעהר ניט קיין

גרויסע ווײדזשעס און זעקלאַך טראָגנען פיהל איך זיך פשוט ניט ביים כח.

נאָך איידער איך האָב געהאַט צייט צו ענדיגען מיינע ווער־טער, רופט זיך אָן צו מיר מיין פאַבריקאַנט מעשה פאַרזאָרגער:

„איך האָב געדענקט דיך מאַכען פאַר אַ לייט, דיך ברענגען צו אַ תכלית. און דו לאָזט זיך איינרעדען פון אַלע פּוסט־און־פּאַסניקעס, פון אַלע לעדיג־געהער... געה דיר געזונטערהייד".

איך ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר איך האָב געפיהלט ווי אַלעס האָט זיך געענדיגט פאַר מיר. מערקווירדיג, איך האָב זיך דאָך דאַכט זיך, גוט איבערגעלעגט און איבערגעדענקט, צי זאָל איך פאַר־לאַנגען, און אַצינד, אַז כ'האָב פאַרלאַנגט און מען האָט מיר ענטזאַגט, האָב איך געפיהלט, ווי די גאַנצע וועלט געהט אונטער... איך האָב שוין חרטה געהאַט. אָבער איך האָב זיך געשטאַרקט און פאַרלאָזט דעם שאַפּ.

ס'איז זונען־אויפגאַנג. די לבנה, אַ בלייכע, האַלט שוין ביים פאַרגעהן. דאָך וואַרפט זי זיך נאָך אין די אויגען. עס פיהלט זיך די פרישקייט פון דעם פריהמאָרגען. מיין קאָפּ איז ווי מיט בלייַ אָנגעגאָסען. איך געה לאַנגזאַם צום זאָגענאַנטען „מאַרקעט", צו דעם זאָגענאַנטען יריד.

בליקער סטריט איז שוואַרץ פון מענשען. ס'שטעהען גרופּען און רעדען, מאַכען מיט די הענד און היצען זיך. ס'שטעהען איינציגע, פאַרטראַכטע, פאַרקלערטע, און זייערע פּנים'ער דריקען אויס אַ וועלט מיט מרה שחורה, אַ וועלט מיט פאַרצווייפלונג.

די מאַסע ווערט געדיכטער, דער יריד גרעסער, און מ׳וואַרט־מ׳קוקט אַרוים אויף אַ קויפער...

פון ערגעץ וואַקסט אוים אַ פּאַליסמאַן מיט אַ רויט, אָפּגע־ברענט פּנים, אַ גראָבען קלאַב אין האַנד. ער שטויסט די מאַסע מיט רוגזה און פּאָנפּעט אונטער׳ן נאָז: „גערארי היער, גערארי היער". פונ׳ם קאָרנער קומט אָן אַ אידעל מיט אַ שווארץ בער־דעל, אַ פולען קערפער מיט אַ קליין סעטשעל, אין האַנד זיין די־נער־באַנדעל. באַלד ווערט ער ארומגערינגעלט און ער דערלאַנגט קאַרדס. ווי מעכאַניש האָט זיך מיין האַנד אויסגעשטרעקט און איך האָב אויך אַ קאַרד גענומען.

אַ נאַגלער מיט איין אויג זאָגט מיט כעס: „כאַפּט איהם דער רוח! אַלע טאָג קומט עס אין מארקעט, אַלע טאָג נעהמט ער אַנדערע ארבייטער". אַלעמענס אויגען נעהמען איהם דורך...

מיינע פיס בויגען זיך פון צופיל שטעהן. איך שפּאַר זיך אָן אַן עלעקטריק לאָמפּ און ווארט אויף אַ קונא... ווארט אויף אַ בעל־הבית... ס׳באַפאַלט מיך אַ מידקייט אין אַלע מיינע גלידער, און מיינע אויגען מאַכען זיך צו מיט אַ לייכטען, לייכטען דרעמעל.

ס׳שוועבען פאַרביי פאַרשידענע בילדער פון דער היים, פון מיין יוגענד, — בילדער שוין פון דער לאַנגער פאַרגאַנגענהייט. איך זיץ און שאָקעל זיך איבער דער גמרא און לערען מיט פייער און פלאַם; כמעט דער בעסטער פון אַלע אינגלאַך. און איך פיהל זיך אַזוי שטאָלץ, אַזוי גדלות׳דיג. אָט שטעה איך אויף אַ פאַרזאַמלונג פון דער חברה „נס ציון" און רעד מיט היץ און פייער. די אַנוועזענדע שטעהען רוהיג, הערען זיך איין ערנסט,

און ווען איך ענדיג ווערט א געשריי: „הידד! הידד! איך פיהל אזוי גוט, אזוי גוט...

ווען איך עפען די אויגען, דערזעה איך, אז דער מארקעט איז זיך שוין צוגאנגען, דער יריד איז שוין פאראיבער. אין מויל איז מיר אזוי איבעלדיג, אויפ'ן הארצען אזוי שווער, און מיינע פייכטע אויגען קוקען אין אלע זייטען און מיינע ליפען באוועגען זיך קוים און זאגען:

„איך בין צום פארקויפען... איך בין צום פארקויפען... איך זוך אויף זיך א קונה..."

מיך אויך?

די פאָריער געוויידמעט.

ביים פאַרלאָזען דעם שאַפּ האָט מען אונז דערלאַנגט פאַר־מאַכטע קאָנווערטלאַך. אינוועניג זיינען געלעגען אָפּגעדרוקטע צעטעלאַך, וועלכע האָבען געלויטעט: „דיין דינסט איז מעהר ניט נויטיג"...

מיר אַלע, פון די אוועקגעשיקטע, האָבען דאָס ערוואַרטעט און פאַרבאָרגען דעם וועהטאָג און געלאַכט...

בלויז פאַר איינעם פון אונז איז דאָס געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ, — ווי אַ פּלוצלונגער שטורם אין אַ שעהנעם טאָג.

מען האָט איהם גערופען „דער לאַנגער אָפּעריייטאָר" און מיט רעכט, ווייל ניט נאָר אין שאַפּ פון ע. און ל. איז ער געווען דער לענגסטער, נאָר מיר דאכט, אַז אין גאַנצען פּאַר־טרייד איז ניטאָ נאָך אַזאַ לאַנגער אָפּעריייטאָר. אכט יאָהר האָט דער אָפּעריייטאָר אָפּגעאַרבייט אין שאַפּ פון ע. און ל. אכט לאַנגע יאָהר, טאָג איין, טאָג אויס, יאָהר איין, יאָהר אויס. און ניט נאָר אַן אָפּעריייטאָר געווען, נאָר אַלעס, אַלעם געווען: אָפּרייט, געקלאַפּט, געקעהרט און געראַמט, געפאָלגט אַ גאַנג, געקראַכען די באָסעס דורך די נע־געל. דער שאַפּ איז געווען ווינציג, האָט ער אהיים גענומען אַר־

בייט און דאָרט עס דערענדיגט... און אצינד — אראָפּגעשיקט! פּלוצלונג, אזוי פּלוצלונג, גאָר אומגעריכט.

און ס'שטעהט דער גרויס־געוויקסיגער מאַן און איז קליין ווי א ווערימעל... ער רעדט גאָר ניט, נאָר אויף זיינע ליפּען הענגען ארונטער ווערטער און זיי לעזען זיך אליין: „מיך אויך? מיך אויך?... אויף זיין גאנצען פּנים איז אויסגעגאָסען איין פראגע־צייכען: „מיך אויך?..."

ער האַלט דאָס קאָנווערטעל אין זיין ברייטער האַנד און נער־וועאיש קוועטשט ער דאָס, ווי ער וואָלט וועלען פון דאָרטען ארויסקוועטשען די ווערטער „דיין דינסט איז מעהר ניט נויטיג"...

ער צורייסט דאָס צעטעלע און קוקט פארגאַפט, ווי די שטיק־לאך פאַלען, קוקט מיט ברייטע, פאַנענדערגעעפענטע אויגען, גלייך ווי ער וואָלט וועלען ביי זיי אויסגעפינען: פארוואָס? פאַר ווען? ..

און ווי ס'האָט זיך מיר געוואָלט איהם זאָגען, אז דאָס איז דער סוף פון אלע אזעלכע שקלאַפען, אז דאָס איז דער סוף פון אלע פארקויפטע נשמות, וואָס גיבען אוועק זייערע בעסטע יאָהרען — זייער יוגענד פאַר א „סטעדי דזשאָב", פאַר א שטענדיגען פּאָזישאָן מיט א סך נאַכט־ארבייט... אָבער איך האָב דאָס איהם ניט גע־זאָגט. מיין רחמנות צו איהם איז געווען גרויס. צופיל נידער־געשלאָגען איז ער געווען...

שוין א צייט איז פון דאַן פארלאָפען, און נאָך שטעהט ער מיר פאַר די אויגען, דער גרויסער, ברייט־ביינערדיגער קערפּער, ווי ער רייסט שטיקלאך פון צעטעלע, קוקט פארגאַפט און זיינע ליפען מורמלען פאַר זיך: „מיך אויך? מיך אויך?..."

פאַסירונגען און איבערלעבונגען

דערצעהלט פון איינעם און פאַרצייכענט פון ש. מלמד.

ס'איז געווען זעהר א שלעכטער וועטער, איינער פון יענע ווינטערדיגע וועטערען, ווען דו פיהלסט ווי דיין קערפער איז מיט בליי אָנגעגאָסען, ווען דו פיהלסט מיד און דיינע אויגען קלעפּען זיך ווי צום איינדרימלען.

א ווינד האָט געבלאָזען, דעם רעגען מיט שנעע אויסגעמישט. קליינע אייז־קייקעלאך האָבען געקלאַפּט אין די שויבען, געמאַכט קליינע צייכענס און צוריק אָפּגעשפּרונגען. די מענשען אין דרויסען זיינען מעהר געלאָפען ווי געגאַנגען, איינגעהויקערטע, איינגעהילטע, וואָס ווייניגער פּנים ארויסצואווייזען פאר פראָסט, שנעע, רעגען און קעלט.

מיר זיינען געזעסען אין א ווארימען צימער, א גרופּע פון 4 פּערזאָן, און שטיל געשוויגען. פון צווייטען צימער האָט זיך געהערט דאָס קלאַפּען פון די שרייב־מאַשינען און פון אנטקעגען האָט דער גרויסער מעטראָפּאָליטען־זייגער אלע פערטעל שטונדע זיך געלאָזט הערען מיט זיין הויכען קלינגען. אין די טענער זיינע האָט זיך געהערט ווי ער זאָגט אָן אלעם און אלעמען, אז מיט איין פערטעל שטונדע איז שוין ווינציגער געבליבען...

ז. איז געשטאַנען מיט די הענד אין די קעשענעס, געקוקט אין דרויסען און זיך אונטערגעפייפט א מאָטיוו פון א רוסישען לידעל. ס. איז זיך געזעסען ברייטלאך אויף א בענקעל און אלע מאָל ארויסגעלאָזט א געדיכטען רויך פון זיין ליולקע. ש. איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן דעסק. ס. איז מעהר געלעגען ווי געשטאַנען. ק. איז ניט לאַנג פון רוסלאַנד און ער האָט דורכגעמאַכט און איבערגעלעבט זעהר פיל פון די פארשיידענע רעגירונגען וואָס האָבען זיך געביטען אין שטעטעל ראַדזוויל, וואָהלינער גובערניע, פון קערענסקי׳ן, מאַכנאָ׳ן, פּעטלורא׳ן, פּאָליאַקען, באָלשעוויקעס און נאָך פון פארשיידענע אָפיציעלע און אונאָפיציעלע רעגירונגען, באַנדעס, גרופּעס. ק. האָט ליב צו דערצעהלען זיינע איבערלעבונגען. ער איז דערפון זעהר צופרידען, און מיט רעכט, ווייל נאָכדעם וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט קען ער זיך נאָך רעכענען צווישען די לעבעדיגע, מעג ער זיין צופרידען... און ער האָט באַלד אָנגעהויבען צו דערצעהלען פּאַסירונגען און איבערלעבונגען, וואָס ער האָט מיטגעמאַכט, איבערגעלעבט און בייגעוואוינט.

ק.׳ס אָן אייגענער, וועמען מי האָט גערופען „מאַסיי דער אַפּטייקער", ווייל ער איז געווען אַן אַפּטייקער, געהט זיך אַזוי אין גאַס מיט א פּאָר שעהנע נייע שטיוועל, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַן אַפּטייקער. קומען איהם אַנטקעגען צוויי פון יענע... שטעלען איהם אָפּ און באַטראַכטען די שטיוועל. נאָך איידער „מאַסיי" האָט צייט געהאַט צו באַגרייפען וואָס דאָ קומט פאָר, האָט איינער איהם פעסט געהאַלטען אין זיינע אייזערנע הענד און דער צווייטער שלעפּט אַראָפּ די שטיוועל. אין אָנהויב האָט „מאַסיי" זיך געוועהרט, אָבער זעהענדיג אַז ער איז שוואַך האָט ער נאָכ־

געלאָזט. ווען די צוויי חברה זיינען פארטיג געוואָרען מיט דער ארבייט, זאָגט צו איהם איינער: „ס'איז ניט קיין שעהנער וועטער, מי קען קראנק ווערען געהענדיג באָרוועס... לויפט אהיים..." און ער איז געלאָפען. אָבער טאַקע געלאָפען...

* * *

געהט זיך אין גאס איינער א קריסט וואָס מי רופט איהם „באלאנטשעק". יעדערער אין שטעדטעל ראדזיוויל קען איהם. געהט ער זיך אזוי אין גאס אָנגעטאָן אין א פּאָר שעהנע בלויע געוואנטענע הויזען מיט טאשמעלאך ביי די זייטען — געהט זיך מיט די הענד אין די קעשענעס און קוועלט פון זיינע הויזען, ווייל ניט פילע קענען זיך אין היינטיגע צייטען פארגינען אזעלכע הויזען צו טראָגען. פלוצלונג, ווי פון אונטער דער ערד, וואקסען אויס פיר חברה מיט רעוואָלווערען אין די הענט, און איידער וואָס־ווען — „באלאנטשיק" ליגט אויסגעצויגען און מ'שלעפּט פון איהם ארונטער די הויזען... וואָס ער צובעט זיך ביי זיי, וויינט ווי א קליין קינד. זיי הערען איהם ניט.

ווען ער איז געבליבען א האלב־נאקעטער, זאָגט איינער צו איהם אין א פריינדליכען טאָן: „גאָלובטשיק, געה זיך אהיים. קענסט זיך נאָך פארקיהלען..." און ער איז געלאָפען. א ברירה האָט ער געהאט...

* * *

אין שטעדטעל וואוינט א קריסט מיט'ן נאָמען איוואן פּאָפּסעקע. זיינער א ברודער וואוינט אין א צווייטען שטעדטעל ניט ווייט פון ראדזיוויל. שפּאנט ער זיך איין זיין בריטשקע מיט.]

רויטען פערדעל און פאָהרט צום ברודער, אין א וויזיט צו וועגען געשעפט. אין מיטען וועג, א מייל פון שטעדטעל, קומען איהם אנטקעגען א פאָר „פעטלורצעס" (פון פעטלורא'ס באנדע) און הייסען איהם אראָפּקריכען פון בריטשקע. איוואן הויבט זיך אָן צלמ'ען: „רעביאטא" (קינדער), זאָגט ער, „וואָס ווילט איהר פון מיר? דאָס איז דאָך דאָס איינציגע וואָס איך פארמאָג! האָט גאָט אין הארצען". זיי צולאַכען זיך גראָב און ציניש און זאָגען איהם: „אויב דו דארפסט ניט פאָהרען ווייט, וועלען מיר דיך אונטערפיהרען..."

ער האָט זיי נאָך עפּעס געוואָלט זאָגען. אָבער ס'האָט זיך דערהערט א שמיים פון דער בייטש און זיי זיינען אַוועק ווי פייל פון בויגען... פון ווייטען האָט ער געהערט ווי זיי זינגען א ליד פון נצחון, פון זיג...

* * *

געהט זיך אין גאַס ר' נחום — אן עלטערער איד שוין, מיט א ביסעל גרויע האָר אין קאָפּ און באָרד. אין זיין זשילעט־קעשענע האָט ער א זייגערל, זעהר אן אַלטס, נאָך פיליירכט א מתנה פון זיין כלה. קומען איהם אַנטקעגען צוויי יונגע שקצים — איינעם פון זיי קען ער, טאַקע פון זיין שטעדטעל — און הייסען זיך געבען דאָס זייגערל. וואָלט דאָס פּאַסירט מיט 10—15 צוריק, וואָלט נחום דאָס זייגערל פאַר קיין פאַל ניט אָפּגעגעבען. איצטער פיהלט זיך נחום צו שוואַך, צו אַלט מיט זיי אָנצוהויבען. ס'ווילט זיך ניט צושיידען מיט'ן טייערען אָנדענק פון אזוי פיל יאָהרען. אָבער... ער נעהמט ארויס דאָס זייגערל, גראָבט זיך

איין מיט די אויגען אין איהם, גיט א שפיי און ווארפט דאָס זיי
אין פנים אריין.

אויף די שקצים'ס פנימ'ער ווייזט זיך א ברייטלאכער שמיי־
כעל, ווי איינער רעדט: אָנגעקומען גרינגער ווי ערווארטעט...

* * *

שוין דאָס צווייטע מאָל, אז מי מאכט אָן איבערפאַל אויף
גאוורראפּ'ס היים. ווען מי האָט געמאכט דעם ערשטען איבער־
פאָל איז גראַדע זיין קוה אין שטאָל ניט געווען. האָט גאווראָפּ
זיך געטרייסט און געקוויקט, וואָס כאָטש די קוה איז געבליבען,
האָט כאָטש מילך און פוטער פאַר זיין פרוי און קינדער. דאָס
צווייטע מאָל האָט מען איהם שוין די קוה אויך צוגענומען. ער
איז זיי געפאלען צו די פיס, די שטיוועל זיי געקושט און באנעצט
מיט טרעהרען: „לאָז מיר איבער דאָס איינציגע", און זייער
ענטפער איז געווען — מיט א שווערד איבער דער קוה'ס האלז...
די סאָלדאטען זיינען הונגעריג... זיי מוזען עסען...

די פרוי מיט די קינדער שטעהען פארשטיינערט און קוקען
מיט גלעזערנע אויגען ווי זייער איינציג פארמעגען פיהרט מען
אוועק אויף א וואָגען באוואכט פון סאָלדאטען...

* * *

ווען דער אלמנה מיט דער טאָכטער איז קיין זאך ניט גע־
בליבען, ווען אלעס איז צוראבירט און דאָס הויז פארברענט גע־
וואָרען, האָט זי זיך ביי גוטע מענשען צוזאמענגעליהען עטליכע
רובעל און זיך געמאכט א געוועלבעל פון צוקער, גרויפען, פאַסאָ־

ליעס און נאָך קליינינקייטען. דערפון האָט זי געצויגען חיונה פאַר זיך און איהר טאָכטער. מיט אמאָל וואַקסען אוים א גאַנצע באַנדע מיט ביקסען און רעוואָלווערען אין די הענד און נעהמען זיך איינפּאַקען אַלעס פון געוועלב. די אַלמנה מיט דער טאָכ־טער פאַלען אויף די קניע, קושען זיי די ברעגען פון די קליידער, בעטען זיך, יאָמערען און קלאָגען: „מיר בלייבען ווי אויפ'ן וואַ־סער. דאָס איז אונזער איינציג פאַרמעגען. מיר וועלען שטאַר־בען פון הונגער“.

איינער פון זיי זאָגט זיך אַזוי רוהיג און געלאַסען, און מיט א וואונק פון אַן אויג: „איהר וועט פון הונגער ניט שטאַר־בען; איהר האָט א שעהנע טאָכטער...“

* * *

ק. איז אַנטשוויגען געוואָרען. מיר האָבען זיך אַלע איבער־געקוקט, און ס. האָט געזאָגט: „יאָ, ק. מעג זיין צופרידען וואָס ער איז ארוים פון דאָרטען א לעבעדיגער“.

חאָזקיל

(אַ טיפּ)

ווען עמיצער וועט אמאָל וועלען שרייבען די היסטאָריע פון די פּאָריערס, וועט ער מוזען דערמאָנען „חאָזקלען". אליין אפילו ניט קיין פּאָריער, איז ער אָבער פאַר די לעצטע דריי צעהנדליג יאָהר געוועזען פול אין יעדען שאַפּ, אין יעדער סטאָר, וואו פּאָר איז געמאַכט געוואָרען. „חאָזקעל" איז ניט נאָר געווען אַ „גע־הענדיגער רעסטאָראַנט", נאָר פלעגט אויך טראָגען שווערע זעק מיט סחורה פון איין שאַפּ אין צווייטען און פון איין סטאָר אין דער צווייטער.

חאָזקעל איז אַ הויכער איד מיט ברייטע פּלייצעס, אַ ברייטע לאַנגע באָרד מיט צוויי גרויסע לאַנגע ברעמען, וואָס הענגען אראָפּ און פארדעקען איהם כמעט די אויגען. זעלטען אז מען זעהט חאָזקלען אָהן אַ זעקעל אויף די פּלייצעס און אַ קויש אויף דער האנד. אין זעקעל געפינט זיך ברויט, זעמעל און בויגעל. אין קויש געפינט זיך פארשיידענע פרוכטען, ווי עפּעל, בארען, באַנאַנעס, אין צייטונגס־פּאַפּיר איינגעוויקעלט הערינג, וואורשט, אייער. אין פּאַפּירענע בעגס געפינט זיך טאָמייטאָס, ציבעלעס, אוגערקעס, זיסע און זויערע. און אַ בלעכען פושקעלע איז אָנ־געפילט מיט זאַלץ. אין איין קעשענע האָט ער אַלע מאָל אַ

הילצערן פושקעלע מיט טאַבעקע — חאַזקעל׳ס באַריהמטע טאַבעקע צום שמעקן. אין אַ צווייטער קעשענע האָט ער אַלע מאָל אַ פלעשעל בראַנפּען, סיי צום פאַרקויפן און סיי פאַר זיך אַליין, וואָס מי האָט דאָס גלייך געקענט פיהלען שטעהענדיג נאָהענט צו איהם...

מיט 30 יאָהר צוריק איז דער גאַנצער פאַר־צענטער געלעגען אין די סטריטען בליקער, באָנד, בראָדוויי, מערסער, גרין און וואוסטער. און חאַזקעל, אַלס פעדלער, פלעגט איבעראַל זיין און פאַרקויפען עסען און דערקוויקען דאָס האַרץ פון פילע אַרבייטער און באָסעס. פילע אַפּטאַנער רייכע מאַנופעקטשורערס, עקספּאָרטערס, אימפּאָרטערס און דילערס, וואָס פילע פון זייערע נעמען קלינגען ווי דייטש אָדער ענגליש, האָבען זיך אויפגעהאָדעוועט אין „חאַזקעל׳ס רעסטאָראַנט״... אָנהויבענדיג 7 אוהר פריה פלעגט חאַזקעל מיט׳ן זעקעל אויף די פּלייצעס און מיט׳ן קויש אויף דער האַנט, אָנגעפילט מיט אַלדאָס גוטס, אַרומגעהן פון שאָפּ צו שאָפּ, פון סטאָר צו סטאָר און פאַרקויפען עסען און אויך אַ טרונק בראָנפען. אין פילע שעפּער זיינען די ווענט און די נידעריגע סילינגס געווען באַשריבען מיט רינגעלאַך און פּאַסיקלאַך. דאָס פלעגט חאַזקעל אַזוי פיהרען זיין בוכהאַלטעריע פון די, וואָס פלעגען ביי איהם קויפען אויף באָרג, מיט׳ן גוט־זאָגען פונ׳ם באָס... (שרייבען האָט ער ניט געקענט.) און מען האָט חאַזקלען ניט געקאָנט אָפּנאַרען מיט אָפּמעקען אַ רינגעלע צי אַ פּאַסיקעל; חאַזקעל האָט באַלד דערקענט אָדער דערפיהלט...

ביז אַרום עלף דעם זייגער פלעגט חאַזקעל אַרומגעהן אין די שעפּער און סטאָרס זיין עסען צו פאַרקויפען. דערנאָך פלעגט זיך חאַזקעל אַוועקשטעלען נעבען אַ בילדינג, חאַזקעל׳ס באַשטענ־

דיגער בילדינג פאר די לעצטע 30 יאָהר, און האָט זיך מיט זיין סחורה צושפּרייט, און ס'האָט אויסגעקוקט ווי א דעפּאַרטמענט־סטאָר מיט פאַרשיידענע פּלאָרס... — אויף דער ערד איז געשטאַנען זיין קויש מיט ברויט, זעמעל און בייגעל; אויף א „פּלאָר" העכער (א טרעפּ) איז געווען אויסגעשפּרייט צייטונגען און ס'איז געלעגען הערינג, געקאָכטע לעבער, געקאָכטע גערגעלאַך; אויף נאָך א פלאָר איז געווען א קיילעכדיג הילצערן קעסטעל (ס'האָט אויסגעקוקט ווי א היימישע זיפּ) מיט פאַרשיידענע פּרוכטען; נאָך העכער איז געלעגען איינגעדעקט אין א טאָרבע ווארימע קנישעס; נעבען זיי, אויף צייטונגס־פּאַפּיר אויסגעלעגט, אוגערקעס, זיסע און זויערע, טאָמייטאָס זיסע און זויערע, ציבעלעס, רעטעך און א פּאַק פּאַפּיר איינצואוויקלען די אָרדערס. די אַרבייטער פלעגען זיך אַראָפּכאַפּען מיט אימפּעט 12 דעם זייגער, ווער אָהן א ראָק, אָהן א העמד, מיט פאַרקאַשערטע אַרבעל, ווער אָנגעטאָן אין אַרבייטס־ראָק פול באַוואַקסען מיט מאָך פון פאָר, ווער אזוי אין א כאַלאַט וואָס מי האָט ניט געקענט באַשטימט זאָגען פון וואָס פאַר א שטאָף דאָס איז; ווער גאָר אין א העמד, די אַרבעל אָפּגעשניטען, מיט שוואַרצע הענד פון אויל און אויל־פלעקען אויפ'ן פּנים. די אַלע אַרבייטער זיינען איהם באַפאַלען און ער האָט געמוזט רופען צו־הילף אויך זיין פרוי, א דאַרע, אויסגעבלייכטע, א קורצע, פּונקט דער היפּך פון חאָזקלען. זי פלעגט בלויז העלפען דערלאַנגען עמיצען וואָס, אָבער צאָהלען האָט מען געדאַרפט חאָזקלען... חאָזקעל געטרויט ניט אפילו זיין אייגען ווייב.

ניט איין מאָל האָט מען געקענט זעהן ווי פאַרבייגעהער האָבען זיך אָפּגעשטעלט און באַטראַכט די דעפּאַרטמענט־סטאָר

אָדער דעם רעסטאָראַנט אויף עטליכע פלאָר... פארביייגעהערס, ניט קיין פאָריערס אָדער פרעמדע אין דעם געגענד, פלעגען זיך אָפּשטעלען און פארוואונדערט קוקען, ווי מענשען קויפען עסען... און ניט איינר פון זיי האט אַ שפּיי געטאָן און עפּעס געריעדט צו זיך אליין... אין די ערשטע יאָהרען פלעגט חאַזקעל אַביסעל ליידען פון די קריסטליכע בחורים, וואָס וואוינען אין יענעם גע־גענד. ניט איין מאָל האט מען איהם באוואָרפען מיט פארשיי־דענע זאכען אין געזיכט און אין פּלייצע. אָבער ניט איין קריסט־ליכער אינגעל האט געהאט צו פיהלען חאַזקעל׳ס שטארקע האנד פאר צופּען איהם זיין באָרד...

פילע ארבייטער, ווי אויך מאנופעקטשורערס, זיינען שוין לאַנג ארונטער פון דער סצענע אָלס פאָריערס, אָדער דורך אנדערע באשעפטיגונגען, אָדער פּשוט אוועקגעשטאָרבען, אָבער חאַזקעל לעבט נאָך. ער איז שוין אַלט. זיין ברייטע, לאַנגע באָרד איז ווייס ווי מילך. ער געהט שוין איינגעבויגען, אָבער נאָך אַלץ מיט׳ן זעקעל אויף די פּלייצעס און מיט׳ן קויש אויף דער האנד קען ער זיך ניט שיידען.

אויך אַצינד קענט איהר איהם זעהן זיך שלעפּען פון שאָפּ צו שאָפּ פארקויפען עסען. אויך אַצינד קענט איהר איהם זעהן יעדען טאָג 12 דעם זייגער נעבען אַ בילדינג אין בליקער סטריט אויסגעלעגט מיט זיין סחורה אָדער, ווי מי רופט דאָס אין שאָפּ, „חאַזקעל׳ס רעסטאָראַנט” אָדער „חאַזקעל׳ס דעפּארטמענט־סטאָר”.

30 יאָהר! פילע פאָריערס האָבען געמאכט מיליאָנען דאָ־לארס, פארלאָרען מיליאָנען דאָלארס. און חאַזקעל שטעהט נאָך אַלץ אין בליקער סטריט, טרינקט בראָנפען און פארקויפט עסען...